בסיעתא דשמיא

# גליון פרדס התורה

## פרשת שלח [קרח באר"ה"ק]

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • גדלות האדם • שמחה • טבריה של מעלה




# י"ל ע"י מערכת
# 'פרדס התורה' לכתיבת
# ועריכת שיעורי מורינו
# הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי
ישראל בארץ הקודש, דייני העדה
החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

## די גליונות קען מען באקומען
## ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש
סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

"בית המדרש סאטמער"
בנין בראר פארק עוועניו
לאקער # 405 ( לעבען די מקוה
שטיבעל)

כתר רוזשודעיקא
801 Bedford Ave.

מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.

שינע'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רוזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואד**

כתר רוזשודעיקא
12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז
קלויזענבורג
25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו
הרב שליט"א והגליונות באימייל,
ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד
באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי


# פרדס התורה


פרשת שלח
[קרה באה"ק] תשפ"ו
גליון 33

אידיש


זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסורים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## מאמר הפרשה

# מיר זענען די 'שלוחים' פונעם באשעפער אליינס!

### דער 'דור דעה' - א לימוד פאר אונז

בסייעתא דשמיא, גייען מיר היינט לערנען א געוואלדיגן יסוד און א שטארקע חיזוק אין עבודת השם פון די וואכעדיגע סדרה.

מיר דאַרפן קודם מקדים זיין וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן אונז אויסגעלערנט, אז ווען עס קומט צו די פרשיות פון דור המדבר, דאַרפן מיר וויסן אז מיר האבן נישט קיין שום השגה אין דעם געהויבענעם 'דור דעה'.

**חז"ל** זאגן אונז אין **פרקי דרבי אליעזר** (פרק מ"א) און אין **מסכת בבא בתרא** (דף עג:) אז ביי דעם דור דעה האט קיין שום 'רימה ותולעה' נישט געקענט שולט זיין ביי זייער פטירה, זייערע פנימ'ער האבן געלאָכטן אין קבר, און נאך פילע נפלאות העכער'ן שכל.

אבער פון די אנדערע זייט, 'תורה היא וללמוד אני צריך'. מען דארף וויסן אז דער גאנצער יסוד פון די אלע פרשיות איז נישט סתם אפצולערנען ווער דער דור דעה איז געווען, נאָר מיר לערנען ארויס פון די פרשיות וואס **מיר דארפן טון אין אונזער מצב, און ווי אזוי מיר קענען פארריכטן אונזערע וועגן.**

### "שלוחו של אדם כמותו": אינעם 'שליח' ליגט דער גאנצער כח פונעם 'משלח'

לאמיר מקדים זיין א מורא'דיגע מעשה וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק **אמרות טהורות** (פרשתן, ב'שיחות יקרות'), וואס האט פאסירט ביים הייליגן **רבי איציקל סקווערער** זיע"א.

עס איז אמאל געווען ווען ער האט געהאלטן ביי חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער, און עס איז געווען א גרויסער דחקות אין שטוב. האט ער געשיקט **רבי נפתלי דיין** ז"ל - וועלכער איז געווען א געוואלדיגער גאון און א געהויבענער איד - ער זאל גיין שאַפן געלט פאַר די הוצאות החתונה.

זייענדיג אויפ'ן וועג, האט רבי נפתלי אריינגעקלאַפט צו א גביר אין שטוב, אבער די משרתים האבן אים געזאגט אז דער גביר שלאָפט יעצט און מען טאר אים נישט אויפוועקן. רבי נפתלי, וואס איז געווען א געוואלדיגער מתמיד און האט נישט געוואלט פארשווענדן קיין מינוט, האט זיך אוועקגעזעצט לערנען דעם הייליגן ספר **אור החיים הק'**.

היות עס איז דעמאלטס געווען פרשת שלח, איז ער אנגעקומען צו דעם באקאנטן שטיקל אין די פרשה וואו דער אוה"ח הק' פרעגט: די מרגלים זענען דאך געווען גרויסע צדיקים, ווי אזוי קען זיין אז אזא ביטערע זאך זאל פאסירן מיט זיי?

ענטפערט דער אוה"ח הק': וויבאלד "שלוחו של אדם כמותו", האבן די גרויסע "משלחים" וואס האבן געשיקט די מרגלים געהאט א שלעכטע כוונה, און מיט דעם האבן זיי אריינגעלייגט א כח אין די שליחות.

וואס מיר לערנען פון די ווערטער פונעם אוה"ח הק' איז, אז **אינעם 'שליח' ליגט דער גאנצער כח פונעם 'משלח'**.

ווי נאָר רבי נפתלי דיין האט געלערנט דעם שטיקל, האט ער גלייך געמאכט א קל וחומר: 'מדה טובה מרובה'. אויב א צדיק שיקט דיך אלס א שליח, ביסטו דאך יעצט פונקט ווי דער צדיק אליינס! ווייל אינעם 'שליח' ליגט דאך דער 'כח המשלח'.

ממילא, אז דער רבי, דער הייליגער רבי איציקל סקווערער, האט מיך יעצט געשיקט שאַפן געלט, קומט אויס אז


## אינעם גליון:

3 מאמר הפרשה
5 גדלות האדם
6 מאמר השמחה
7 טבריא של מעלה

איך בין יעצט דער רבי אליינס! אויב איך בין דער רבי אליינס - האט ער געטראכט צו זיך - אויף מיין פריוואטן כבוד קען איך מוחל זיין, אבער אויף דעם רבי'נס כבוד קען איך דאך בשום אופן נישט מוחל זיין...

ער איז גלייך ארויסגעלאפן און געקלאַפּט מיט כח אויף די טיר פון דעם גביר'ס צימער און אויסגעשריגן: **"שטיי אויף, שטיי אויף! דער רבי איז דא, דער רבי איז דא!"**

דער גביר האט זיך דערשראקן און תיכף אויפגעוועקט, און ער האט געגעבן א שיינע סומע פאַר רבי נפתלי'ן.

ווען רבי נפתלי איז צוריקגעקומען צו זיין רבי'ן, רבי איציקל סקווערער, האט ער ארויסגענומען די ליסטע פון אלע נדבנים וואס האבן זיך משתתף געווען, און ער האט זיך אנגערופן: "איך בין אויך געגאנגען צו יענעם עושר...". האט זיך דער הייליגער רבי איציקל אנגערופן מיט זיין רוח הקודש:

**"און וואס זאגט טאקע דער אור החיים הק'?"...**

ער האט תופס געווען אלעס וואס איז דארט פארגעגאנגען.

### דער חילוק צווישן כלב און פנחס און די אנדערע מרגלים

וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון דעם איז א מורא'דיגן יסוד פאר'ן לעבן.

אין **מדרש** (רבה, פרשה ט"ז ה"א) שטייט אז 'כלב' און 'פנחס' זענען אויך געווען מרגלים, און זיי האבן יא מצליח געווען. אז אפילו דאס ארט וואו זיי זענען איינגעשטאנען - ביי 'רחב הזונה', וואס איז דעמאלטס געווען איינע פון די גרעסטע בעלי עבירות אין די וועלט - האבן זיי אריינגעברענגט אזא מין קדושה דארט, אז זי האט זיך עווענטועל מגייר געווען און **צום סוף חתונה געהאט מיט יהושע בן נון**. אזא קדושה האבן כלב און פנחס אריינגעברענגט בשעת זיי זענען געווען מרגלים.

פרעגט דער מדרש: **וואס איז געווען דער חילוק צווישן כלב און פנחס און די אנדערע מרגלים פון דור המדבר?**

זאגט דער מדרש: ווייל כלב און פנחס **"היו נושאים נפשם בשליחותם"**. דאס טייטשט - ווי דער הייליגער **שפת אמת** זאגט (שנת תרל"א) און אין פילע אנדערע ערטער, בשם זיין הייליגע זיידע דער **חידושי הרי"ם** - אז ווען כלב און פנחס זענען געגאנגען זיין מרגלים, האבן זיי א גאנצע צייט געטראכט: **"מיר זענען עובדי ה', מיר זענען שליחים פונעם אייבערשטן"**. היות זיי זענען געווען שליחים פונעם אייבערשטן, איז כביכול די שכינה הקדושה מיטגעגאנגען מיט זיי אויף יעדן טריט.

לויט'ן אור החיים הק' וואס מיר האבן דערמאנט פארשטייט מען דעם ענין זייער קלאָר. ווייל כלב און פנחס זענען נישט געגאנגען בתור שליח פון 'מענטשן', נאָר בתור שליח פונעם 'אייבערשטן'. אויב אזוי ליגט דאך כביכול דער כח פונעם אייבערשטן אין זיי. און דערפאַר האבן זיי טאקע מצליח געווען איבער'ן טבע. אבער ---

**דאס ווענדט זיך אינעם מענטש אליינס, צי ער וויל אינזין האבן "וועמענ'ס שליח ער איז", און צי ער וויל טאקע זיין פשוט "א שליח פונעם אייבערשטן".**

### דער באשעפער אליינס האט דאך מיר געשיקט אויף א שליחות דא אויף דער וועלט!

דער הייליגער שפת אמת איז מאריך בשם זיין זיידע דער חידושי הרי"ם, אין פילע שטיקלעך אויף די וואכעדיגע סדרה, אז **"יעדער איד איז א שליח פונעם אייבערשטן"**.

דער לשון פונעם שפת אמת איז: **"אדוני זקני מורי ורבי זכר צדיק לחיי העולם הבא"** פלעגט כסדר זאגן: **"גם אדם המקיים מצות בוראו, נשלח בעולם הזה כדי לעשות רצונו יתברך, נקרא שליח מצוה בוודאי"**.

ד.ה. אפילו א מענטש וואס טוט פשוט א מצוה פון זיין באשעפער, איז ער געשיקט געווארן אויף דער וועלט כדי צו טון רצון יתברך, און ער ווערט זיכער אנגערופן אַ **'שליח מצוה'**.

יעדן טאג ווען מיר שטייען אויף אינדערפרי און זאגן "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם", דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין:

אויב דער הייליגער בעל שם טוב הק' אדער דער ווילנער גאון וואלט מיר געקומען אין חלום און געבעטן צו טון א געוויסע שליחות, וואלט איך דאך ארויסגעטאנצן פאר שמחה עס צו טון מיט די גרעסטע פלייס - - -

**דער באשעפער אליינס האט דאך מיר געשיקט אויף א שליחות דא אויף דער וועלט!...**

וואס מער מיר וועלן טראכטן ווער עס האט אונז געשיקט און פארוואס מיר זענען דא, אלץ מער וועט דער **'כח המשלח'** - פון כביכול דער אייבערשטער אליינס - זיין מיט אונז און עס וועט רוען אויף אונז א השראת השכינה.

**פונקט ווי כלב און פנחס האבן מצליח געווען אז דער הייליגער כלל ישראל זאל אריינקומען קיין 'ארץ ישראל', אזוי אויך וועלן מיר זוכה זיין אריינצוקומען אין דעם 'ארץ ישראל' פון 'אונזער הארץ', און מיר וועלן זוכה זיין צו א גילוי נשמה במהרה. אמן!**

# מיר זענען די וואס באשליסן אונזער מצב

## "ואל יבוש מפני המלעיגים"

ווען דער הייליגער **אלטער פון סלאבאדקע** זי"ע האט זיך געזעגנט פון זיין רבי'ן, דער אבי המוסר הגה"ק **רבי ישראל סאלאנטער** זי"ע, האט ער אים איבערגעלאזט א 'צוואה' מיט א פסוק אין "ישעיה" (נז, טו): "לְהַחֲיוֹת רוּחַ שְׁפָלִים וּלְהַחֲיוֹת לֵב נִדְכָּאִים".

דאס איז טאקע די גאנצע 'שיטה' פון 'סְלַאבּאָדקע': **"גדלות האדם"**.

דער הייליגער **מחבר** עפנט זיינע ווערטער אין "אורח חיים" מיט א וויכטיגע הקדמה; ער פאַנגט אָן מיט "שויתי ה' לנגדי תמיד" און "יתגבר כארי", און גלייך נאכדעם שרייבט דער מחבר, **"ואל יבוש מפני המלעיגים"** - זאלסט זיך נישט דערשרעקן פון דעם וואס מענטשן זאגן אויף דיר. עס זענען דא מענטשן וואס וועלן מאכן ליצנות, עס זענען דא אזעלכע וואס וועלן פרובירן אוועקצומאכן דיינע גדרים וסייגים, אבער מאַן זיך נישט וויסנדיג פון זיי.

## די עצה: זע צו מאכן אז די סביבה זאל ארויפקוקן אויף דיר

**דא שטעלט זיך א שאלה:** ווי אזוי קען א מענטש באמת אנקומען דערצו זיך אינגאנצן נישט וויסנדיג צו מאכן פון אנדערע? א מענטש ווערט דאָך נאטורליך געשלעפט נאך זיין סביבה. מיר ווייסן דאָך וואס דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט (הלכות דעות פרק ו'), אז די ארומיגע סביבה האט אזא שטארקע השפעה, אז אויב א מענטש געפינט זיך צווישן אַ סביבה פון רשעים דאַרף ער אנטלויפן אין מדבר.

**וואס דען איז די עצה?**

דער תירוץ איז באמת זייער פשוט: **זע צו מאכן אז די סביבה זאל ארויפקוקן אויף דיר.**

**ביאור הדברים איז אזוי:** ווען א מענטש האלט זיך אליין פאַר א 'נחות דרגא', ער קוקט אויף זיך ווי סתם א פשוט'ער בעה"ב אדער א פשוט'ער יונגערמאן, דעמאלטס ווען ער גייט אין גאס האט ער אוודאי שווערע נסיונות מיט שמירת עינים. פארוואס?

ווייל ער האלט ביי זיך אז אויב ער וועט זיך היטן די אויגן, וועט מען אים אָנקוקן ווי אַ 'פרומער'. אויב ער וועט נישט איבערהאַקן דאס לערנען כדי צו הערן די לעצטע נייעס, וועט מען אים אנקוקן ווי עפעס א 'געהויבענער יונגערמאן" און מען וועט אים פרעגן מיט חוזק: "זייט ווען ביסטו געווארן אזא 'פרומע יונגערמאן'?". דאס איז **איין בילד.**

אבער לאמיר קוקן אויף א **צווייטן בילד:** דער זעלבער בעה"ב אדער יונגערמאן פאַנגט אָן צו קומען פאַרטאָגס אין בית המדרש, ער מאַכט סיומי מסכתות, און ער שטעלט זיך אוועק אלס א תורה'דיגער מענטש.

פלוצלינג טוישן זיך די מענטשן וואס פלעגן אים אַראָפּקוקן. די אלע וואס האבן געהאלטן אז ער איז סתם א פשוט'ער יונגערמאן, פאַנגען אָן צו רעדן צו אים מיט רעספעקט: **"ער איז געווארן א מתמיד, ער איז א בן תורה".** עס פאסירט פונקט פארקערט - זיי פאַנגען אים אָן צו געבן קאָמפּלימענטן. ווען ער וועט גיין אין גאַס וועט מען זאגן: "יא, דער יונגערמאן האט זיך גענומען לערנען, ער היט זיך די אויגן".

## "מיר" זענען די וואס באשליסן

**אלעס ווענדט זיך נאָר --- "אין אונז אליין".**

**"מיר" זענען די וואס באשליסן ווי אזוי די סביבה זאל אונז ארויפקוקן.**

אויב מיר וועלן באשליסן ביי זיך אז מיר זענען נאָר 'פשוט'ע יונגערלייט', וועט די סביבה חוזק מאַכן פון אונז. אבער אויב מיר באשליסן אז מיר זענען 'תורה'דיגע אידן', וועט די סביבה אנהייבן ארויפקוקן מיט יראת הכבוד. פלוצלינג וועסטו זען ווי מענטשן אין בית המדרש וועלן דיך מכבד זיין, און שדכנים וועלן זאגן: "פאַר אים קען מען נישט רעדן קיין פשוט'ע שידוך... מען דאַרף עפעס בעסערס, ער איז א תורה'דיגער יונגערמאן".

דאס טאקע האט רבי ישראל סאלאנטער איבערגעלאזט אלס צוואה פאַר'ן אלטער פון סלאבאדקע:

**"גדלות האדם".**

**אויב דו וועסט זיך האַלטן גרויס, וועלן מענטשן ארויפקוקן אויף דיר. דעמאלטס וועט די סביבה - וואס איז פריער געווען א נסיון ווייל זיי האבן דיך אַראָפּגעקוקט און דיך נישט געלאזט שטייגן - דיר גאָר "העלפן" אז דו זאלסט ווייטער שטייגן העכער און העכער.**

# שאָקל אויף דיין האַרץ! אבער נישט מיט קיין 'דינערן'...

## "לא נבראו רעמים אלא לפשט עקמומיות שבלב"

מיר געפינען אין ספר "משלי" און אין נאך פלעצער אין חז"ל, אז דער מענטש ווערט צוגעגליכן צו א "פעלד". זאגט דער הייליגער **אלטער פון קעלם** זי"ע בשם דעם הייליגן **ווילנער גאון** זי"ע: א מענטשנ'ס 'האַרץ' איז אזוי ווי א שטיק 'ערד'. אבער מיר ווייסן דאך אז דער יצר הרע מאכט אז דעם מענטשנ'ס הארץ זאל זיין א "לב אבן", האַרט ווי א שטיין. און מיר אלע פאַרשטייען אז אין א פעלד וואס איז האַרט ווי א שטיין קען מען גארנישט פלאַנצן. וואס דאַרף מען אַלזאָ טון?

מען דאַרף מאַכן א "חרישה", מען דאַרף אקערן און ווייך מאכן דאס האַרץ, פונקט ווי מען מאַכט ווייך די ערד, און נאכדעם קומט די "זריעה", ווען מען לייגט אריין אַ קערנדל. און איינמאל מען לייגט אריין א קערנדל, וואַקסן פון איין קליינטשיג קערנדל צענדליגער טויזנטער שטעקעלעך תבואה, צענדליגער טויזנטער פרוכט-ביימער און גרינסן. אבער מיר מוזן קודם זען אז דאָס הארץ – די קרקע – זאל זיין ווייך.

די **גמרא** זאגט אין מסכת ברכות (דף נט:), **"אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן, לא נבראו רעמים אלא לפשט עקמומיות שבלב"**. דער אייבערשטער האט באשאפן "דינערן" כדי אויסצוגראָדן די קרומקייטן פונעם האַרץ.

א 'דינער' מיינט 'יסורים'. ווען א מענטש גייט דורך א געוויסע שוועריגקייט אדער א פראבלעם – ל"ע ולא על שום אחד מישראל, ה"י – שאָקלט דאס אויף דאס האַרץ. און נאכדעם, **איינמאָל דאס האַרץ פונעם מענטש איז שוין גוט אויפגעשאָקלט, דאַן אפילו אויב ער לערנט נאָר איין שורה גמרא אדער ער דאווענט איין 'הללוקה' מיט כוונה, שפּראָצן דערפון ארויס צענדליגער ביימער פון חשק און התלהבות צו טון טויזנטער מצוות און מעשים טובים!**

## דער צווייטער מהלך: 'שמחה'

אבער, זאגט דער ווילנער גאון, א מענטש האט א בחירה: ער קען אויך אויפשאקלען און ווייך מאכן זיין הארץ **אָן דעם 'דינער' פון יסורים**. דער מהלך איז **דורך 'שמחה'**.

ווען א מענטש שטייט אויף אינדערפרי, ער זאגט "מודה אני", ער זאגט די "ברכות" און ער פילט זיך אָן מיט שמחה – אזוי ווי דער הייליגער **צאנזער רב** זי"ע פלעגט טאַנצן ביי "אשר יצר", אדער דער הייליגער **אלטער רבי פון קאַרלין** זי"ע וואס פלעגט זאגן "אשר יצר" מיט'ן ניגון פון "הלל" – איינמאל מען ווערט אזוי בשמחה און מען דאנקט דעם אייבערשטן, ווערט דאס הארץ ווייך דורך די שמחה און הודאה. נאכדעם קען מען אריינלייגן אפילו איין שורה גמרא, און פון דעם וואקסן ארויס גאנצע מסכתות; איין "הללוקה", און פון דעם וואקסן ארויס טויזנטער גוטע תפילות. **מיר האבן די בחירה וועלכן וועג צו וועלן.**

## דער מנהג חסידים צו טרינקען "לחיים" ווייל דאס עפנט דאס האַרץ

עס איז אינטערעסאנט וואס **רבי אליהו דעסלער** זצ"ל שרייבט אין **מכתב מאליהו** (חלק ה' דף י"ב), אז דאס איז געווען דער טעם פונעם מנהג ביי חסידים צו טרינקען בראנפן. ווייל **כאטש עס איז א גשמיות'דיגע זאך, האט עס געעפנט דאס האַרץ**. נאכדעם האט מען געדאנקט דעם אייבערשטן, דאס האַרץ איז געווארן אָפן דורך די שמחה, און דאַן האט מען געקענט אריינלייגן דערין א געוואלד מיט רוחניות'דיגע זאכן.

דער זעלבער יסוד שטייט אויך אינעם ספר **עבודת פנים** (מכתבים, מכתב ב') פונעם באקאנטן סלאנימער חסיד, דער צדיק יסוד עולם **רבי אהרן יוסף לוריא** זצ"ל. ער זאגט אז דאס איז געווען דער מנהג ביי חסידים, און ער לייגט צו: נאכדעם וואס מען האט געטרונקען בראנפן און דאס הארץ איז געווארן אָפן און ווייך, האט מען דערציילט סיפורי מעשיות, און די מעשיות זענען דאַן טיף אריינגעגאנגען



אין די הערצער.

**לאמיר דאנקען דעם אייבערשטן יעדן טאג אינדערפרי מיט 'הודאה', אויפשאקלען דאס הארץ מיט 'אמונה', און אזוי ארום וועט מען אונז נישט דאַרפן אויפשאקלען דורך קיין "דינער"... מיר וועלן קענען ארייניייגן אין א פרייליך האַרץ אפילו נאָר אביסל תורה, איין שורה גמרא, וואס פון דעם וועלן ארויסוואקסן טויזנטער שעות פון תורה ותפילה.**

# טבריא של מעלה

**בסייעתא דשמיא זענען מיר ממשיך מיט די סעריע שיעורים איבער די הערליכע און רייכע היסטאריע פון עיר המלוכה "טבריא של מעלה", ארייגצובליקן אין די גלאררייכע קאפיטלעך פון די עיר העתיק וואס איז פיל מיט קדושה און געהויבענקייט**

# הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל מוויטעבסק זי"ע

## בעל מחבר ספר 'פרי הארץ'

### פרק ב': דער קשר דער צווישן דעם הייליגן גרויסן מגיד ז"ע און זיין תלמיד רבי ר' מענדלע ז"ע

#### דער גרויסער מגיד

בעזהשי"ת, אין דעם קאפיטל גייען מיר לערנען ווי אזוי דער הייליגער ר"ר מענדלע האט זיך מדבק געווען בצילו פונעם הייליגן **מגיד הגדול פון מעזריטש** זי"ע.

מיר האבן שוין דערמאנט אז דער הייליגער ר"ר מענדלע איז געווען א תלמיד פונעם מעזריטשער מגיד נאך **אלס קינד**, און דער הייליגער מגיד האט אים מיטגענומען מיט זיך ווען ער איז געפאָרן צום הייליגן **בעל שם טוב** זי"ע.

עס קומט אויס אז ער איז שוין געווען א תלמיד פונעם מגיד נאך פון גאָר קליינווייז אן. אבער פארשטייט זיך אליין, אז נאך די הסתלקות פונעם הייליגן בעל שם הק', ווען דער מגיד האט איבערגענומען די הנהגה, האט זיך דער הייליגער פרי הארץ מדבק געווען צו אים ביתר שאת וביתר עוז, ווי מיר וועלן זען ווייטער.

מיר ווייסן אז אינעם הייליגן יו"ט שבועות שנת **תק"כ**, יום א' דשבועות, איז נסתלק געווארן דער אור שבעת הימים, דער הייליגער בעש"ט הק' זי"ע. אין דעם ערשטן יאר האט **רבי צבי הנסתר**, דער זון פונעם הייליגן בעש"ט, איבערגענומען די הנהגה. אבער נאכדעם, על פי ציווי פון זיין טאטן דער בעל שם טוב וואס האט זיך מגלה געווען צו אים, האט ער אָפּגעלאזט די הנהגה און איז צוריקגעגאנגען צו די חבריא פון די 'צדיקים נסתרים'.

דעמאלטס איז די הנהגה איבערגעגעבן געווארן צום הייליגן גרויסן מגיד פון מעזריטש, און ווי די לשון פונעם הייליגן בעל ה**תולדות** איז, אז **"די שכינה הקדושה מיט'ן שטעקן און דעם זאַק** (במקלו ותרמילו) **איז געגאנגען פון מעזשביזש קיין מעזריטש"**.

#### שבת פרשת ראה

דער הייליגער פרי הארץ פלעגט זאגן אז ער קוקט שטענדיג ארויס אויף "פרשת ראה" צו הערן "בשורות טובות". דער טעם דערפון איז, ווייל די ערשטע מאל ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן **בעל שם טוב** איז געווען פרשת ראה. דאס ערשטע מאל וואס ער איז געקומען צום הייליגן **מגיד** איז אויך געווען פרשת ראה. און אויך די ערשטע מאל וואס ער איז אנגעקומען קיין **ארץ הקודש** איז געווען אום פרשת ראה. דערפאַר פלעגט ער זאָגן: **"פרשת ראה זענען מיר מצפה צו זען און הערן בשורות טובות"**.

(עס זענען דא עטליכע גרסאות בנוגע דעם וואס דער פרי הארץ איז אנגעקומען צום מגיד פרשת ראה. טייל זאגן אז דאס איז געווען נאך אלס קינד, און אנדערע זאגן אז דאס איז געווען נאך די פטירה פונעם בעל שם הק').

דער הייליגער **צמח צדק** זי"ע האט דערציילט, אז דער מאמר וואס דער הייליגער **בעל התניא** זי"ע האט געשריבן אין זיין ספר **תורה אור** וואס הייסט "מוראים ומעשיהם", איבער דעם ענין פון רב ותלמיד, דעם מאמר האט דער בעל התניא מקבל געווען פון זיין רבי'ן דער פרי הארץ, וועלכער האט עס מקבל געווען שבועות שנת **תקכ"א** פונעם גרויסן מגיד - דעם ערשטן שבועות א יאר נאך די פטירה פונעם בעל שם טוב. (נאָר ווי באקאנט האט דער בעל התניא דאס שפעטער פיל מער מרחיב



געוווען).

## רבי ר' מענדלע ביים גרויסן מגיד אין זיינע יונגע יארן

פאַר מיר גייען ווייטער, מוז מען דא באטאנען א זייער וויכטיגע זאך וואס גיבט א געוואלדיגן גלאנץ צו די תולדות פונעם פרי הארץ.

מיר ווייסן דאך אז ר"ר מענדלע איז געבוירן געווארן שנת **תצ"ט** און איז אוועק שנת **תקמ"ח**. דאס מיינט אז ער איז אלט געוווען בלויז **ניין-און-פערציג-יאָר ווען ער איז נסתלק געווארן**. מיר ווייסן אז דער בעש"ט איז אוועק שנת **תק"כ**, און דער גרויסער מגיד איז אוועק שנת **תקל"ג**. קומט אויס אז ווען דער פרי הארץ האט זיך מסתופף געווען בצילו פונעם מגיד, איז ער דעמאלטס געווען בסך הכל **אין זיינע צוואנציגער יארן און אנהייב זיינע דרייסיגער יארן**.

אלע מעשיות וואס מיר גייען פאַרציילן וואס האבן פאסירט ביים מגיד, זענען געווען ווען דער פרי הארץ איז נאך געווען אין זיינע יונגע יארן. דאס גיבט צו א געוואלדיגע באדייט צו די אלע סיפורים.

## ביים מגיד אין הויף

לאמיר יעצט זען וואס האט זיך אָפּגעטון ביים הייליגן מעזריטשער מגיד אין הויף.

ווי באקאנט האט דער הייליגער מגיד געהאט תלמידים וואס מיר האבן אין זיי קיין שום השגה, און מיר זענען אפילו נישט ראוי צו דערמאנען זייערע הייליגע נעמען.

פונדעסטוועגן איז מקובל פון צדיקים, און עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן **פחד יצחק פון באיאן** זי"ע וואס ער האט מקבל געווען מאבותיו הקדושים (און דאס זעלבע שטייט אין **כתבי ר"י שו"ב**, און אין ספר **מאורי אש**), אז צוויי תלמידים האבן געהאט י"ב חלות בחייו פונעם מגיד ביי זיין טיש: דאס זענען געווען דער הייליגער **רבי אהרן הגדול פון קארלין** זי"ע, וואס איז געזעסן אויף די רעכטע זייט פונעם מגיד, און דער צווייטער איז געווען דער **פרי הארץ**, וואס איז געזעסן אויף די לינקע זייט פונעם מגיד.

דער גרויסער מגיד האט געזאגט אז **רבי אהרן הגדול איז זיין "יד ימין"**. כידוע איז דער מגיד געווען א 'מרכבה' צו די 'שכינה הקדושה', און יעדע ריר פונעם מגיד האט אויפגעטרייסלט אלע עולמות עליונים ותחתונים, דעריבער האט דער מגיד געוואלט אז דווקא רבי אהרן הגדול זאל זיצן ביי זיין רעכטע זייט.

אויף די לינקע זייט האט דער מגיד נישט געלאזט קיינעם זיצן (ער פלעגט זאגן אז "זיין הארץ שטעקט אים דארט"), נאָר דער הייליגער רבי ר' מענדעלע האט געמעגט דארט זיצן. דער מגיד האט געזאגט אז ער דאַרף האבן דעם פרי הארץ ער זאל לוחם זיין מיט די סט"א, און דערצו **דאַרף מען די "יד הגבורה"**,




די **"יד שמאל"**. ווי באקאנט איז דער פרי הארץ געווען א "שולט בשתי ידיו", און ער פלעגט זיצן אויף די לינקע זייט פונעם מגיד, און מיט דעם האט ער מלחמה געהאלטן מיט די סט"א וחילותיו, און מיט די אומות העולם.

(מיר וועלן שפעטער פארציילן אז ווען ער איז ארויס קיין ארץ ישראל, האט דער הייליגער פרי הארץ געמאכט א סעודה פאר אלע 'פריצים' און מיט דעם האט ער זיי מכניע געווען. ער האט דארט מכוון געווען דעם סוד פון "שעיר לעזאזל", און דארטן וועלן מיר זען מיר דעם כח וואס ער האט גענוצט - דעם כח הגבורה ויד שמאל - צו מכניע זיין די סטרא אחרא וחילותיו, ועוח"ל).

דער פרי הארץ, וואס איז דעמאלטס נאך געווען **אין זיינע יונגע צוואנציגער יארן**, און דער זעלבער רבי אהרן הגדול פון קארלין וואס איז אויך געווען **אין זיינע צוואנציגער יארן**, זענען זיי געווען פון די גדולי תלמידי המגיד וואס האבן געהאט א ספעציעלע חשיבות, און דער הייליגער מגיד האט זיי מורא'דיג מפליא געווען, ווי מיר וועלן באלד זען.

## "כשנסתלק אהרן נסתלקו ענני הכבוד": הסתלקות רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע

דער הייליגער מגיד האט געזאגט אויפ'ן הייליגן רבי אהרן הגדול, ווען ער איז נסתלק געווארן אום **י"ט ניסן** שנת **תקל"ב**: "**כשנסתלק אהרן נסתלקו ענני הכבוד**". פונקט ווי ביי **אהרן הכהן** זענען די ענני הכבוד אוועק ווען ער איז נסתלק געווארן, אזוי אויך דא איז פארלוירן געגאנגען די "כלי מלחמה". רבי אהרן הגדול איז געווען זיין "כלי קרב", און יעצט האט ער שוין נישט וואס צו זוכן אויף דער וועלט. און טאקע אין יענעם יאר, א יאר דערויף, ווען עס איז אנגעקומען **י"ט כסלו שנת תקל"ג, איז דער הייליגער מגיד נסתלק געווארן**.

אין **קאַרלין** איז געווען מקובל אז דער טאג וואס רבי אהרן הגדול איז נסתלק געווארן, ווייזט ממש אויף דעם וואס דער מגיד האט געזאגט, אז ער איז געווען זיין **"רעכטע האנט"**. ווייל אויב מען קוקט לויט די כוונות פונעם **אר"י הקדוש**, איז דער צירוף פונעם יום הספירה פון י"ט ניסן דער צירוף פון **"יָאֵר - יְמִינְךָ"**.

לאמיר דאס מסביר זיין. מיר ווייסן דאך אז יעדן טאג ביי די ספירה זאגט מען די תפילה פון **"אָנָא בְּכֹחַ"**, און מען דארף אינזין האבן איין ספעציעל ווארט יעדן טאג. י"ט ניסן, וואס איז דער פערדער טאג פון די ספירה, קומט אויס דאס ווארט **'יְמִינְךָ'**. פארוואס? ווייל יום א' איז 'אָנָא', יום ב' 'כֹּחַ', יום ג' איז 'גְּדֻלַּת', און יום ד' - וואס דאס איז י"ט ניסן - איז דאס ווארט 'יְמִינְךָ'.

יעצט לאמיר קוקן אינעם קאפיטל **"לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת"**. אין דעם קאפיטל "לַמְנַצֵּחַ" האט מען אויך אינזין איין ווארט יעדן טאג, און די סדר ארבעט אזוי: מ'הייבט אָן פונעם צווייטן פסוק, פון 'אֱלֹקִים יְחָנֵּנוּ' ביזן סוף פונעם

קאַפּיטל זענען דא פונקטליך **ניין און פערציג ווערטער**. דעם ערשטן טאג ספירה האט מען אינזין 'אֱלֹקִים', דעם צווייטן טאג 'יְחָנֵּנוּ', דעם דריטן טאג 'וִיבָרְכֵנוּ', און דעם פערדן טאג - י"ט ניסן - האט מען אינזין דאס ווארט 'יָאֵר'.

קומט דאך אויס א הערליכע זאך: פונעם קאפיטל "לַמְנַצֵּחַ" האבן מיר פאַר י"ט ניסן דאס ווארט 'יָאֵר', און פון "אָנָּא בְּכֹחַ" האבן מיר דאס ווארט 'יְמִינְךָ', צוזאמען מאכט עס "**יָאֵר - יְמִינְךָ**" - דאס מיינט **באלייכטן די רעכטע זייט**.

**דאס קומט אונז מרמז זיין אז דער הייליגער רבי אהרן הגדול האט באלייכט די הייליגע רעכטע זייט פונעם מגיד, ווייל דער מגיד איז געווען א 'מרכבה' צו די 'שכינה הקדושה'.**

## דער 'חוש הריח' פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע

עס שטייט אין ספר **נהרי א"ש** פון הגה"ק רבי **שמעון זשעליכובער** זי"ע, וואס איז געווען דער באקאנטער משגיח אין "ישיבת חכמי לובלין" (זיין גרויסער תלמיד דער בעל **שבט הלוי** זצ"ל שרייבט אויף אים אין זיין הקדמה צו די תשובות ח"א אז ער איז געווען א "**ספר תורה שלם בנגלה ובנסתר**").

ווי באקאנט זענען אסאך צדיקים געווען זייער נאנט צו רבי שמעון זשעליכובער. ער איז אמאל געווען ביים הייליגן **קוידינובער רבי'ן** זי"ע, און דארט האט ער געזען 'כתבים' פונעם הייליגן **בעל התניא** זי"ע. אין די כתבים שטייט א מורא'דיגע זאך, אז **דער הייליגער מגיד האט געהייסן פאר'ן הייליגן ר"ר מענדעלע ליל הסדר ער זאל ארומגיין אינעם ביהמ"ד און שמעקן מיט זיין 'חוש הריח'.** (עי"ש המעשה באריכות).

דער הייליגער בעל התניא האט געזאגט אויף זיין רבי'ן, דער ר"ר מענדלע, אז "**ער האט די בחינה פון 'מורח ודאין' וואס מען זאגט אויף משיח**".

און אויף דעם ענין איז דא א געוואלדיגע מעשה וואס ווערט געברענגט אין **דברי אלימלך** און אין **תולדות פרי הארץ**, און אין נאך ספרים.

דער הייליגער **רוז'ינער** זי"ע האט דערציילט אזוי: עס איז אמאל געווען ווען ר"ר מענדלע איז שוין געווען אין ארץ הקודש, און פלוצלינג האט מען געהערט א 'קול שופר' אין די גאסן. עס איז געווארן א גאנצע מהומה און א טומל, דער עולם האט געמיינט אז משיח איז שוין דא.

מען איז גלייך אריינגעלאפן צו ר"ר מענדלע און מען האט אים דערציילט די גרויסע בשורה. האט דער הייליגער רבי געזאגט: "ווארט איין מינוט". ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, עס אויפגעמאכט, געגעבן א שמעק די לופט, און געזאגט: "**ניין, משיח איז נאכנישט דא**".

שפעטער האט מען טאקע אויסגעפונען אז עס איז געווען איין מענטש וואס איז נישט געווען שפוי בדעתו, ער איז ארויף אויף א בּאַרג מיט א טלית און געבלאזן שופר, און האט פשוט פאַרדרייט דעם גאנצן עולם.

האט דער הייליגער רוז'ינער געפרעגט א שאלה: "**פארוואס האט ר"ר מענדלע געדארפט עפענען דאס פענסטער?**"

האט ער אליין געענטפערט: "**ווייל ביי מיין רבי'ן אין שטוב איז תמיד געווען א ריח און א אור פון משיח, ממילא האט ער געמוזט עפענען דאס פענסטער צו זען וואס עס טוט זיך אינדרויסן אויף די גאס!**".

איבער דעם ענין פון בחינת משיח און מלכות בית דוד, וועלן מיר שפעטער זען מער באריכות וואס דער הייליגער מגיד האט מעיד געווען אויף רבינו רבי ר' מענדלע. ווי מיר האבן שוין געשמועסט, הגם רבי ר' מענדלע איז געווען מורא'דיג יונג ווען ער איז געווען ביים מגיד, איז ער פונדעסטוועגן געווען פון זיינע גרעסטע און חשוב'סטע תלמידים.

## "אין מושחין מלכים אלא על המעיין"

**דער גרויסער מגיד האט אים נאך מסמיך 'בחייו' געווען אלס 'רבי'!** די מעשה דערינטער ווערט געברענגט אין אסאך פלעצער, סיי אין די 'כתבים' פון די רוז'ינער גזע, סיי אין ספר **אור הגנוז**, און אין נאך פילע מקורות.

די מעשה האט דערציילט דער הייליגער **הוסיאטענער** זי"ע. דער הייליגער **רבי ישראל פון הוסיאטין** וואס ליגט אין **טבריא**, איז געווען א זון פון **רבי מרדכי שרגא פייביש פון הוסיאטין**, וואס ער איז געווען א זון פונעם הייליגן רוז'ינער.

ווען דער ערשטער הוסיאטענער האט געלייגט תפילין פאַר זיין זון, דער הייליגער רבי ישראל, האט ער אים דערציילט א מעשה ארויסצוברענגען די קדושה פון א מצוה און וויאזוי א מענטש קען זיך טוישן פון איין רגע צו די העכסטע מדריגות. האט ער אים דערציילט אזוי:

עס איז געווען איין מאל וואס די חסידים פון 'רייסין', וואס פלעגן קומען צום הייליגן מגיד, האבן זיך אָפּגערעדט פאַר'ן מגיד אז זיי וואוינען זייער ווייט און קענען נישט קומען כסדר, דערפאַר זאל ער זיי געבן א 'תלמיד' וואס זאל זיי דינען אלס א מורה דרך.

דער גרויסער מגיד איז צוגעגאנגען צום שענקל און ארויסגענומען פון דארט עטליכע זאכן: א בגד, א גאַרטל און א שטעקן, און ער האט זיי געזאגט: "**פאַרט קיין וויטעבסק, זוכט דארט אויף רבי מענדלע, געט אים איבער די חפצים און זאגט אים אז איך האב אייך געשיקט ער זאל זיין אייער מורה דרך!**".

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין וויטעבסק (נאך א גאנצע מעשה ביז זיי האבן אים געפינען), האבן זיי אים געזאגט די שליחות פונעם מגיד. דער הייליגער ר"ר מענדלע האט אָנגעטאן די בגדים און דעם גאַרטל, און ווי נאָר ער האט זיך אנגעטאן מיט די חפצים פונעם מגיד, האט אנגעכאַפּט אזא מין פחד און א שרעק די אלע ארומיגע, עס איז געווארן דארט א הייליגע השראה וואס מען קען זיך גארנישט פאָרשטעלן.

האט דער הייליגער הוסיאטענער געזאגט די ווערטער: "**ערשט אזוי, שוין אזוי**". דאס מיינט צו זאגן, אז פון איין מינוט אויף די צווייטע איז דער הייליגער ר"ר מענדלע געשטיגן צו גאָר הויכע מדריגות און א געוואלדיגע התרוממות.

ער האט געוואלט ארויסברענגען, אז **ווען מען לייגט די הייליגע תפילין, ווערט מען אין איין רגע א נייע מציאות.**

דאס איז דער כח פון א 'מצוה', דאס איז דער כח פון 'קדושה'. מיר זעען דערפון די גרויסע חשיבות פון א בגד קודש, און זיכער די הייליגע 'תפילין' – **א חפץ של מצוה האט א כח צו טוישן א מענטש פון קאפ ביז פוס**.

עכ"פ, נאכדעם וואס דער הייליגער רבי ר' מענדלע האט באקומען די שליחות פונעם מגיד, איז ער גלייך געפאָרן צום מגיד. ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט אים דער הייליגער מגיד מקבל פנים געווען מיט גרויס כבוד.

דערנאך איז ער געגאנגען צום טייך 'דניעסטער', און דער מגיד האט אים באגלייט און געזאגט די פאָלגנדע ווערטער:

ווי מיר וויסן שטייט אין פסוק אין ספר מלכים (א', ל"ג), אז **דוד המלך** ע"ה האט געזאגט "וְהוֹרַדְתֶּם אֹתוֹ אֶל גִּחוֹן", אז מען זאל פירן **שלמה המלך** צום 'גיחון' אים צו זאַלבן.

זאגט אויף דעם די **גמרא** אין מסכת הוריות (דף י"ב ע"א), "**אמר רב אמי, אין מושחין את המלכים אלא על המעיין**" – מען זאלבט נישט קיין מלכים נאָר ביי א קוואל וואסער, "**כדי שתמשך מלכותם**", אז זייער מלכות זאל זיך ציען פונקט ווי א קוואַל וואס פליסט "שנאמר, וְהוֹרַדְתֶּם אֹתוֹ אֶל גִּחוֹן".

האט דער הייליגער מגיד אויסגעפירט צום ר"ר מענדלע: "**אין מושחין מלכים אלא על המעיין**".

דער מגיד האט אים דעמאלטס געגעבן א ברכה: "**ויהי רצון שתהא מלכותך נובעת כמעיין המתגבר**". און ער האט אים דעמאלטס מגלה געווען אז ער איז א 'ניצוץ' פון **חזקיהו מלך יהודה**.

ער האט אים נאך צוגעזאגט: "**איך געב דיר א ברכה, אז אומעטום וואו דו וועסט נאָר גיין, וועסטו זיין דער ראש**".

### "דיין חבר ר"ר מענדלע זעט פיל העכערע זאכן ווי דיר, און ער חלש'ט נישט!"

אין ספר **מאמר מרדכי** פאַרציילט הרה"ק **רבי מאטל סלאנימער** זי"ע, אז דער הייליגער ר"ר מענדלע איז געווען דער 'בעל מקרא' ביים הייליגן מגיד ראש השנה. ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, איז דאס געווען ווען ער איז נאך געווען א יונגערמאן אין די צוואנציגער יארן. שוין דעמאלטס, אינעם בית מדרש פונעם מגיד וואו עס זענען געווען ארומגענומען מיט מלאכים ושרפים, און כאטש ער איז נאך געווען גאר יונג, פונדעסטוועגן איז ער געווען דער בעל מקרא.

איין יאָר האט ער נישט געקענט קומען צום גרויסן מגיד, האט דער הייליגער מגיד געבעטן פונעם הייליגן **בארדיטשובער רב** זי"ע, רבי לוי יצחק בן שרה סאשא, אז ער זאל זיין דער בעל מקרא. ווען דער בארדיטשובער רב האט ארויסגעזאגט דאס ווארט 'תקיעה', האט ער פלוצלינג געזען **אברהם אבינו** און ער איז גלייך פארחלש'ט געווארן...

האט דער הייליגער מגיד זיך אנגערופן:

**"פארוואס האסטו גע'חלש'ט? ווייל דו האסט געזען אברהם אבינו? דיין חבר ר"ר מענדלע זעט פיל העכערע זאכן און ער חלש'ט נישט!"**

פאַרשטייט זיך אליין אז "מי יעמוד בסוד קדושים", אבער פון דא קען מען זען די מורא'דיגע מדריגות פון די הייליגע צדיקים.

רבי מאטל סלאנימער צייכנט אָן דאס וואס מיר האבן פריער געזאגט, אז די אלע געוואלדיגע גילויים פון ר"ר מענדלע זענען שוין געווען ווען ער איז נאך אלס געווען א יונגערמאן אין די צוואנציגער יארן.

### די הסתלקות פונעם גרויסן מגיד און דאס באשטימען רבי ר' מענדלע אלס ממלא מקום

**בשנת תקל"ג י"ט כסליו איז דער הייליגער מגיד נסתלק געווארן**. ווי באקאנט האט זיין זון, דער הייליגער **רבי אברהם המלאך**, נישט געוואלט איבערנעמען די הנהגה, און די הנהגה איז אריבער צו די תלמידים. דעמאלטס האט דער הייליגער 'פרי הארץ', וואס האט דעמאלטס געוואוינט אין 'האראדאק' (א שטאט נעבן וויטעבסק), אנגעהויבן זיין הנהגה.

א גרויסער חלק פון די תלמידי המגיד זענען געגאנגען זיך מסתופף זיין בצל קדשו, און בראשם דער הייליגער **רבי אברהם הכהן גדול מקאליסק** זי"ע. כידוע איז דער קאליסקער געווען א 'תלמיד חבר' פונעם **ווילנער גאון**, און ערשט נאכדעם איז ער געגאנגען צום מגיד. ווען דער מגיד איז אוועק, הגם ער איז געווען א נאנטער חבר פונעם פרי הארץ – ווען דער פרי הארץ פלעגט רופן "**מיין האַרץ-פריינט**" – פונדעסטוועגן **האט זיך דער הייליגער קאליסקער איינגאנצן מבטל געווען צו אים ממש כתלמיד אצל רבו**.

מען זעט דאס טאקע אין די 'מכתבים' אינעם ספר פרי הארץ, אז בחייו פונעם פרי הארץ האט דער קאליסקער כמעט גארנישט געשריבן קיין אייגענע תורה קיין חוץ לארץ – צו ר"ר מענדלע, נאָר ער פלעגט צושרייבן "**כל המוסיף גורע**" און "**דברי הרב אינם צריכים חיזוק**". מיט א געוואלדיגע יראת הכבוד און א ביטול גמור האט ער זיך מבטל געווען צום הייליגן ר"ר מענדלע.

אויך דער הייליגער בעל התניא האט מקבל מרות געווען פונעם פרי הארץ. כידוע שרייבט ער ביים אנהייב ספר התניא "**על דעת רבותינו בארץ הקודש**" – מיינענדיג דעם הייליגן ר"ר מענדלע אינאיינעם מיט'ן קאליסקער. אויך אין זיינע מכתבים שרייבט ער כסדר "**רבותינו בארץ הקודש**".

דער הייליגער רבי ישראל פאלאצקער, וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם מגיד, איז אויך געווארן א תלמיד פונעם פרי הארץ, צוזאמען מיט נאך פילע תלמידים, צווישן זיי: רבי צבי הירש ארקער, רבי מאיר ביכובער, רבי לייב דוקאר, רבי ישכר בער דער מגיד פון ליובאוויטש, רבי זוסמאן סופר, רבי זלמן שר התורה – ממש גאוני עולם און ענקי הרוח וואס זענען געווען די גרעסטע אינעם דור. און אלע זענען געווארן תלמידים וחסידים פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע.

אינעם קומענדיגן קאפיטל וועלן מיר בסייעתא דשמיא ממשיך זיין מיט די הנהגה פון רבי ר' מענדלע מיט זיינע חסידים און זיין עליה לארץ הקודש.

זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער טאג

דורך שעפן חיזוק אמונה און ביטחון,
השקפת החיים און ידיעת התורה פון די

# ענדלאזע תורה'דיגע קוועלער

- חיזוק בעניני עבודת השם 3
- אמונה ובטחון 2
- צוויי מינוט חיזוק א טאג 1
- מלוה מלכה פול מיט חיזוק 6
- שבת קודש 5
- חיזוק בנסיונות החיים 4
- ימים טובים 9
- קברי צדיקים בארץ הקודש 8
- יארצייטן 7
- שיעורים בספרי מוסר חסידות 12
- אוצר הידיעות 11
- שיעורים כלליים - שו"ת 10
- ENGLISH MAIN MENU 25
- אלע נייע שיעורים 0
- פאר נאך שיעורים 13

צו ספאנסערן
אדער פאר
פאזעטיווע
קאמעטארן קען
מען זיך ווענדן צו
הרה"ח ר'
חיים מנחם
ראזינגער הי"ו
347.570.0413

מען קען אויך הערן די
שיעורים פון רב אויף:

קול נשמותינו
אידיש: 718.760.1111 #1
ענגליש: 718.759.1111 #1

עינים ליין
718.977.5554
במוצש"ק #0
במשך השבוע 1-2-7-4

א פרישע וואך
פול מיט חיזוק

שיעורי
פרדס התורה
בנשיאות הרה"ג רבי
יששכר י-הודה בערקוי
שליט"א · אב"ד

קול פרדס התורה
718.506.9694

צו באקומען די גליון און שיעורים אויף אימעיל שיקט 'Subscribe' צו
shiurimlishmo@gmail.com

# פרישט אויף אייער טאג
## מיט א חיזוק שיעור פון בלויז
# 2 מינוט

שיעורים דורך אויס די וואך:

**זונטאג**
מאמר הפרשה

**מאנטאג**
חובת הלבבות

**דינסטאג**
טבריא של מעלה

**מיטוואך**
אוצר הידיעות

**דאנערשטאג**
יאהרצייטן

**פרייטאג**
אור של שב"ק

**מוצאי שבת**
מלוה מלכה

דריקט נומבער "0" פון די מעין מעניו

פרדס התורה

קול פרדס התורה

# 718.506.9694